# טרעפט א היים אין ניו יארק סטעיט מיט CityFHEPS לענגאויס די סטעיט!




## CityFHEPS איז א רענט הילף פראגראם וואס צאלט טייל פון אייער חודשליכע רענט.

**יעצט קען די פראגראם ווערן גענוצט "לענגאויס די סטעיט" , דאס מיינט אז איר קענט זיך אריבערציען צו איבעראל אין ניו יארק סטעיט**

*ארי קענט זיך אריבערציען צו גלייך אינדרויסן פון ניו יארק סיטי! ניו יארק סיטי איז צוגענגליך מיט פאבליק טראנזיט אזוויי מעטרא-נארט און לאנג איילענד רעיל ראוד.*

## לערן וועגן די פראגראם

### בין איך בארעכטיגט פאר CityFHEPS?

אויב איר האט באקומען א איינקויף בריוו פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (DSS), זענט איר מעגליך בארעכטיגט פאר CityFHEPS! איינקויף בריוון ווערן צוגעשטעלט צו שעלטער איינוואוינער דורך זייער קעיסווארקער אדער האוזינג ספעציאליסט.

אויב איר האט פראגעס וועגן אייער איינקויף בריוו ***אדער*** אויב איר האט נישט קיין איינקויף בריוו און איר גלייבט אז איר זענט בארעכטיגט, דאן רעדט צו אייער קעיסווארקער אדער האוזינג ספעציאליסט.

א איינקויף בריוו נעמט אריין די פאלגנדע:

- די מעגליכע רענט סומע וואס CityFHEPS וועט דעקן
- אייער הויזגעזונד גרויסקייט
- די סארט האוזינג פאר וואס איר זענט בארעכטיגט
- די צאל שלאף צימערן פאר וואס איר זענט בארעכטיגט
- די איינקויף בריוו'ס אפלויף דאטום (אינערהאלב 120 טעג)

### וויפיל פון מיין רענט וועט ווערן געדעקט?

מיט CityFHEPS, באצאלן טענעטס געווענליך 30% פון זייער סך הכל חודשליכע איינקונפט פאר זייער רענט. CityFHEPS דעקט די איבעריגע קאסטן פון רענט צו די לענדלארד, ביז די מאקסימום רענט סומע.

פאר CityFHEPS לענגאויס די סטעיט, איז די סומע פון רענט וואס ווערט געדאקט געוואנדן אין די ניו יארק סטעיט קאונטי צו וואו איר ציעט זיך אריבער.

אייער האוזינג ספעציאליסט קען אפשאצן די סומע וואס איר וועט מעגליך באקומען מיט די CityFHEPS **לענגאויס די סטעיט מאקסימום רענט לויט די קאונטי געצייג** אויף www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page

### וועלכע סארט האוזינג קען איך דינגען?

מיט CityFHEPS קענט איר געווענליך דינגען סארטן פון האוזינג, אזויווי:

- איין פאמעליע אפגעטיילטע הויז
- לאו-רייז
- פראדוצירטע היים
- טיילווייז אפגעטיילט און ראו-הויז\טאון-הויז
- היי-רייז מיט א עלעוועיטאר

אייער האוזינג ספעציאליסט קען אייך העלפן צו פארשטיין פאר וואס איר זענט בארעכטיגט מיט CityFHEPS און, מעגליך, רעקאמענדירן א האוזינג יוניט פאר אייך.

## וויאזוי ארבעט CityFHEPS




**מיט CityFHEPS באצאלן טענעטס געווענליך 30% פון זייער סך הכל חודשליכע איינקונפט פאר זייער רענט**

**NYC DSS וועט באצאלן די איבעריגע קאסטן פון רענט צו די לענדלארד.**

## זיך איינגעבן פארן פראגראם

### וויאזוי געב איך זיך איין פאר CityFHEPS לענגאוס די טעיטס?

1. נאכן באקומען א איינקויף בריוו, טרעפט א האוזינג יוניט! אייער האוזינג ספעציאליסט קען אייך העלפן טרעפן אפציעס.

2. איינמאל איר האט געטראפן א האוזינג יוניט, רעדט צו אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער. זיי וועלן אייך העלפן באקומען די נויטיגע דאקומענטן צו אריינגעבן אייער אפליקאציע.

3. NYC DSS וועט דאן איבערקוקן אייער דאקומענטן צו:
   - באשטעטיגן אייער בארעכטיגקייט פאר CityFHEPS
   - באשטימען אויב אייער האוזינג איז קוואליפיצירט

4. זייט אין פארבינדונג מיט אייער האוזינג ספעציאליסט, זיי וועלן העלפן אייך און אייער לענדלארד אויסצופילן די אפליקאציע.

5. אויב איר און אייער האוזינג יוניט זענען בארעכטיגט פאר CityFHEPS, וועט NYC DSS אייך שיקן א באשטעטיגונג מעלדונג. די מעלדונג וועט ערקלערן וויפיל איר דארפט באצאלן יעדע חודש און וויפיל NYC DSS וועט באצאלן יעדע חודש.

6. אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער וועט באשטימען א צייט פאר אייך צו אונטערשרייבן אייער ליעס און באקומען א שליסל.

* ***אויב*** איר באקומט פאבליק בענעפיטן פון ניו יארק סיטי, דאן דארפט איר זיך איינגעבן מיט די סאושעל סערוויסעס אפיס אין אייער נייע קאונטי.

אייער קעיסווארקער קען אייך העלפן טרעפן אייער לאקאלע בענעפיטן אפיס, אדער קענט איר רופן די **ארויס פונעם סיטי (Out of City) האטליין אויף** 557-1399 (718), פאר הילף מיט לאקאלע בענעפיטן, טרעפן סאושעל סערוויסעס און אנדערע האוזינג פארבינדענע פראבלעמען.

### וויאזוי רעכנט מען אויס די סומע וויפיל איך דארף באצאלן?

די סומע וויפיל איר דארפט באצאלן פון די רענט וועט באשטימט דורך מערערע פאקטארן:

- אייער הויזגעזונד גרויסקייט
- די איינקונפט פון יעדע הויזגעזינד מיטגליד
- די צאל פון שלאף צימערן
- אויב יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט אין די רענט
- אויב איר באקומט קעש הילף
- די קאונטי וואו די האוזינג יוניט געפינט זיך אין

אויב איר ווערט באשטעטיגט, וועט NYC DSS אייך שיקן א מעלדונג וועט ערקלערט וויפיל איר דארפט באצאלן יעדע חודש און וויפיל NYC DSS וועט באצאלן יעדע חודש.

### פאר ווי לאנג קען איך באקומען CityFHEPS?

CityFHEPS ווערט באנייט יעדע יאר. פינף חדשים איידער אייער ליעס דארף ווערן באנייט, וועט איר באקומען אן אפליקאציע מיט די דאטום ווען איר דארפט עס באנייען.

CityFHEPS קען זיך אנהאלטן ביז 5 יאר און אין געוויסע פעלער נאך לענגער: ווי לאנג איר און אייער לענדלארד טוען ווייטער נאכקומען בארעכטיגונג באדינגונגען.

### איך האב נאך פראגעס, מיט וועם קען איך רעדן?

פאר מער הילף, רופט די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון היימלאזיגקייט סערוויסעס (DHS) **ריהאוזינג קאסטומער סערוויס רוף צענטער אויף** 470-3052 (929), פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 9 אזייגער אינדערפרי ביז 5 אזייגער נאכמיטאג.

